א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

288 · פרשת פנחס · תשע"ט

## מאוצרות אמונים
### פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### א מנהיג וואס דרש'נט אין שבת

**"יִפְקֹד ה' אֱלֹהֵי הָרוּחֹת לְכָל בָּשָׂר אִישׁ עַל הָעֵדָה" (כז טז)**

פונעם לשון הפסוק ווי משה בעהט מ'זאל אויפנעמען א מנהיג אויף כלל ישראל, ברענגט דער **'חתם סופר'** א רמז אויף דעם וואס עס שטייט אין מדרש (ילק"ש כי תשא תח) אז איינס פון די אויפגאבע'ס פון א מנהיג איז צוזאם נעמען דאס פאלק יעדן שבת און דרש'ענען פאר זיי, און עס איז מרומז: 'אֵ-ל אֱל-הֵי הָרוּחֹת' (ראה לעיל טז כב) איז בגימטריה 'שבת'. אויף דעם טאג איז וויכטיג א "אִישׁ עַל הָעֵדָה" וואס וועט דרש'ענען פאר זיי.

דער ענין איז אויך מרומז אין דער נוסח פון 'תכנת שבת': "וגם האוהבים דבריה גדולה בחרו", ד.מ.: די וואס האבן ליב צו רעדן און דרש'ענען דברי מוסר אין שבת, זיי האט מען אויסדערוועלט צו זיין פון די גדולי הדור.

'חתם סופר'

### דער כח התפילה פון א מנהיג

**"יִפְקֹד ה' אֱלֹקֵי הָרוּחֹת לְכָל בָּשָׂר אִישׁ עַל הָעֵדָה...; וְלֹא תִהְיֶה עֲדַת ה' כַּצֹּאן אֲשֶׁר אֵין לָהֶם רֹעֶה" (כז טז-יז)**

**רבי יעקב אריה פון ראדזימין** שרייבט:

"א מנהיג הדור דארף שטענדיג זארגן אויף די אידן, דאווענען אויף זיי עס זאל קיינער נישט פעלן... און דער מנהיג האט א גרויסן כח וואס ער באקומט פון הימל ראטעווען אלע אידן מיט זיין תפילה. אזוי ווי א פאסטוך וואס האט א כח ראטעווען זיין שאף פון הונגער און דארשט און פון קרענק און פון געשעדיגט ווערן, אזוי האט השי"ת געגעבן א כח פארן מנהיג הדור צו דאווענען אויף די אידן, אויף א קראנקן אדער ווען עס פעלט עפעס א אנדערע השפעה. און דער מנהיג קען מיט זיין תפילה באלד אויספויעלן, און אויב דער מנהיג וועט נישט אזוי טוהן האט ער א עבירה... ווייל אזוי ווי די שאף זענען איבערגעגעבן אין דעם האנט פונעם פאסטוך, אזוי זענען די אידן אונטערן האנט פונעם מנהיג און ער דארף זיי צוריק געבן מיט א צאל".

'בכורי אבי"ב'

### זיך ספעציעל שטארקן אינדערפריה און מיטאג

**"אֶת הַכֶּבֶשׂ אֶחָד תַּעֲשֶׂה בַבֹּקֶר וְאֵת הַכֶּבֶשׂ הַשֵּׁנִי תַּעֲשֶׂה בֵּין הָעַרְבָּיִם" (כח ד)**

**רבי רפאל כדיר צבאן** דער רב פון די שטאט נתיבות האט געזאגט:

כדי צו קענען דאווענען שחרית און מנחה ווי עס דארף צו זיין, פעלט זיך אויס א ספעציעלע שטארקייט אויפן יצר הרע; אינדערפריה, איז שווער אויפשטיין פון בעט, און אינמיטן טאג איז אים שווער אפלאזן זיינע געשעפטן כדי צו דאווענען. דעריבער האט די תורה אנגעווארנט: "אֶת הַכֶּבֶשׂ אֶחָד" - דאס ערשטע אונטערדרוקונג אויפן יצר הרע, "תַּעֲשֶׂה בַבֹּקֶר" - ווען דו שטייסט אויף צו תפילת שחרית וואס איז אקעגן דעם תמיד של שחר, "וְאֵת הַכֶּבֶשׂ הַשֵּׁנִי תַּעֲשֶׂה בֵּין הָעַרְבָּיִם" - אזוי אויך זאלסטו זיך שטארקן אויף תפילת מנחה וואס איז אקעגן דעם תמיד של בין הערבים.

'נפש חיה' [לרר"כ צבאן] ח"ב עמ' ריב

## רזי אמונים
### רמזים פון אמן אין די פרשה

### אמן עפנט די שערי חכמה

**"לְפֻוָּה מִשְׁפַּחַת הַפּוּנִי"** (כו כג)

"היה לו לומר 'הַפֻּוָּהִי' וכתב: 'הפוני', לומר שכל ישראל פונים אליו ללמוד מתורתו" ('בעל הטורים').

'פֻּוָּה' איז בגימטריה 'אמן'. די תורה האט מרמז געווען אז דער וואס איז מקפיד צו ענטפערן אמן, ווערן געעפנט פאר אים די שערי חכמה און איז זוכה "אז אלע אידן ווענדן זיך צו אים לערנען תורה".

'באר אברהם'

### די מצוה פון שופר ציהט זיך אגאנצן טאג

**"וּבַחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ מִקְרָא קֹדֶשׁ יִהְיֶה לָכֶם כָּל מְלֶאכֶת עֲבֹדָה לֹא תַעֲשׂוּ יוֹם תְּרוּעָה יִהְיֶה לָכֶם" (כט א)**

מ'דארף פארשטיין: פארוואס האט די תורה געשריבן דעם לשון: "יוֹם תְּרוּעָה", און נישט געשריבן קלאר אזוי ווי ביי די מצוה פון בלאזן אין יובל (ויקרא כה ל): "וְהַעֲבַרְתָּ שׁוֹפַר תְּרוּעָה"?

ערקלערט דער **'נודע ביהודה'**:

די סיבה פארוואס מיר זאגן נישט הלל אין ראש השנה אזוי ווי ביי די אנדערע ימים טובים ערקלערן די חכמים (ר"ה לב ב) אז א צייט וואס "מלך יושב על כסא דין וספרי חיים וספרי מתים פתוחין לפניו", איז נישט פאסיג צו לויבן. פון די גמרא זעהן מיר אז די שרעק און ציטער דארף אונז באגלייטן ראש השנה אגאנצן טאג, און מ'קען זאגן אז צוליב דעם האט די תורה געשריבן די מצוה פון שופר מיט דעם לשון 'יום תרועה', דיך צו לערנען אז די מצוה פון בלאזן שופר איז נישט ווי אנדערע מצוות וואס נאכן מקיים זיין די מצוה האט מען שוין נישט מיט דעם א שייכות, נאר די ציטער וואס ערוועקט זיך אין אונזער הארץ דורכ'ן שופר דארף באגלייטן א גאנצן טאג.

'ציון לנפש חיה' חגיגה יד א

### די חביבות פון די מצוה צומישט דעם שטן

**"יוֹם תְּרוּעָה יִהְיֶה לָכֶם" (כט א)**

אין גמרא (ר"ה טז א, ע"פ רש"י שם) טרעפן מיר אז ראש השנה בלאזט מען צוויי מאל: 'תקיעות דמיושב' - בעפאר מוסף, און 'תקיעות דמעומד' - אינמיטן מוסף. ווייל ווען דער שטן זעהט ווי שטארק די מצוות זענען באליבט אויף די אידן, אז זיי בלאזן צוויי מאל, ווערן זיינע טענות פארשטאפט און ער איז נישט מקטרג אויף זיי.

לייגט צו **רבי פנחס הלוי הורוויץ** דער פראנקפורטער רב:

די מצוה פון שופר ערוועקט די אידן צו תשובה, און ווען זיי זענען עס מקיים מיט שמחה און ליבשאפט, איז דאס א באווייזט אז זיי האבן תשובה געטון מאהבה און נישט נאר מיראה. דאס צומישט דעם שטן און ברענגט צו ער זאל נישט דערמאנען זייערע זינד, ווייל מיט דעם וועט ער דאך פארמערן זייערע זכויות, אזוי ווי עס שטייט אין גמרא (יומא פו ב), אז דער וואס טוט תשובה מאהבה "זדונות נעשות לו כזכויות".

'לחמי תודה' [פון רצ"ה הורוויץ פון פראנקפורט] שבת תשובה תקס"ח

### די מוסף טוהט פארשניידן די פיינט

**"וּמִנְחָתָם וְנִסְכֵּיהֶם לַפָּרִים לָאֵילִם וְלַכְּבָשִׂים בְּמִסְפָּרָם כַּמִּשְׁפָּט" (כט יח)**

"פרי החג שבעים הם. כנגד שבעים אומות שמתמעטים והולכים - סימן כליה להם, ובימי המקדש היו מגינין עליהם מן היסורין" (רש"י)

וויאזוי קען פון די זעלבע זאך ארויסקומען גוט'ס און שלעכט'ס; וויאזוי קען א 'סימן כליה' באשיצן פון יסורין?

ענטפערט **רבי שלמה קלוגער** אז די ווערטער פון רש"י באציעהן זיך אויף צוויי פארשידענע תקופות:

אין דער צייט וואס דער בית המקדש איז געשטאנען, ווען די אידן זענען געזיצן רואיג אין די הייליגע לאנד, האבן די קרבנות באשיצט די פעלקער - זיי זאל נישט געשטראפט ווערן אויף דער וועלט צוליב זייערע זינד. אבער יעצט, ווען די פעלקער זיצן זיך אין זייערע לענדער מיט א רואיגקייט, און אונז אין גלות מוזן מיר מקיים זיין: "וּנְשַׁלְּמָה פָרִים שְׂפָתֵינוּ" (הושע יד ג) דורך דערמאנען די קרבנות ביי מוסף, כדי עס זאל אונז גערעכנט ווערן כאילו מיר האבן זיי מקריב געווען (מנחות קי א), האבן מיר אינזין עס זאל זיין א סימן כליה אויף די פעלקער וואס ווילן אונז יעדן טאג פארטיליגן, אז זיי זאלן פארווייניגערט ווערן אזוי ווי די 'פרי החג' וואס ווערן ווייניגער.

'אמרי שפר'




"אמונים נוצר ה'" (תהילים לא כד) - די וואס ענטפערן אמן מיט אמונה ... און גלייבן אז איך וועל זיי אויסלייזן". (מדרש תהילים לא)

ברכות השחר: אויפן קול · מיט כוונה · מיט א חברותא.

# תענה אמונים

א בליק איבער די מעלה
פון 'השכמת בית המדרש'

## בהיכלו של מלך (ד')

### די שכינה איז שטענדיג אין שוהל

אויב מיר וועלן זיך מתבונן זיין אין די פסוקים פון תורה, און אין די נביאים, וועלן מיר זעהן אז אין אלע פריערדיגע דורות האבן אונזערע עלטערן מקפיד געווען צו דאווענען דווקא אין א מקום קבוע אזוי ווי א שוהל, און אזוי פירן זיך אלע ערליכע אידן ביזן היינטיגן טאג.

דער עיקר מעלה פון א שוהל איז ווייל דארט איז דער "משכן" פאר די שכינה, אזוי ווי מיר טרעפן אין גמרא (ברכות ו א): "אמר רבין בר רב אדא אמר רבי יצחק: פון ווייסן מיר אז דער אויבישטער געפינט זיך אין שוהל? ווייל עס שטייט (תהלים צב א): 'אלקים נצב בעדת א-ל'". און אין ירושלמי (ברכות פ"ה ה"א) ווערט געברענגט אז רבי אבהו האט עס ארויסגעלערנט פון א אנדערער פסוק (ישעיה נה ו): "דרשו את ה' בהמצאו" - "וואו איז השי"ת מצוי? אין די בתי כנסיות און אין די בתי מדרשות".

ריכטיג טאקע אז מיר גלייבן אז דער אויבישטער געפינט זיך איבעראל, אבער דער רמח"ל ('דעת תבונות' אות קס) האט שוין ערקלערט, אז ער קען זיך באווייזן אויף איין פלאץ מער ווי אין א אנדערע פלאץ, כדי אז אלע וואס ווילן זיך מדבק זיין צו אים זאלן דארטן גיין, אזוי ווי מיר זענען באפוילן געווארן אין די תורה (דברים יב ה): "לשכנו תדרשו ובאת שמה".

די סיבה פארוואס דער אויבישטער מאכט רועהן זיין שכינה דווקא אין שוהל ערקלערט דער 'פני יהושע' (ברכות ו א): "א שוהל איז דער "בית וועד" פון הקדוש ברוך הוא. ווייל עס איז געבויעט געווארן פאר קדושת בית הכנסת, און 'הזמנה מילתא היא', און מ'דאוונט דארט שטענדיג מיט א מנין עטליכע מאל יעדן טאג... דעריבער געפינט די שכינה שטענדיג דארטן און גייט נישט אוועק פון דארט".

מיט זיין וואונדערליכער לשון ערקלערט דאס הרש"ר הירש:

"דאס עצם אריינגיין אין א הייליגע פלאץ וואס איז באשטימט אויף צו דאווענען בציבור, דאס אליין קען אסאך אויפטון אויסלייטערן דיין הארץ און עס אנפילן מיט דערהויבענע געפיהלן פון נאנטשאפט צו ה'. ווייל דעמאלטס וועט ארויפקומען אין דיינע מחשבות א העכערע געדאנק; אלע זענען דא צוזאמגעקומען אויפאיינמאל מיטן זעלבן געדאנק אויסגיסן דאס הארץ פאר השי"ת, דער איינציגסטער גא-ט וואס איז אונזער אלעמענ'ס פאטער... און אויף דעם אופן וועלן זיך צוזאם נעמען אלע אידן צו זיין ווי איין קערפער און זאגן די זעלבע ווערטער, ווען זיי וועלן ריכטיג אינזין האבן יעדע ווארט וואס דער חזן זאגט, **אויך וועלן זיי באשטעטיגן און באפעסטיגן זיינע ווערטער דורך ענטפערן 'אמן'** ('חורב' פרק תפילת הציבור)

### די עולמות העליונים צוזאמען מיט די תחתונים

דער וואס דאוונט אין שוהל איז אויך זוכה צו א ספעציעלע ברכה פון די מלאכי מעלה, אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין ספר 'מעלות המדות' פון רבי יחיאל הרופא (מעלה ז) אין נאמען פון מדרש אגדה: "די מלאכי השרת קומען אין שוהל און הערן צו די תפילות פון די אידן. ווען איינער גייט אריין אין שוהל דאווענען זאגן זיי אים: 'ברוך אתה בבואך', און ווען ער ענדיגט דאווענען און וויל ארויסגיין, זאגן זיי אים: 'וברוך אתה בצאתך', און נישט נאר דאס, נאר דער אויבישטער אנטפלעקט זיך צו אים און וואונטשט אים אן, אזוי ווי עס שטייט, בכל המקום אשר אזכיר ונו' אבא אליך וברכתיך".

און אין זוהר הקדוש (שמות קסד ב) שטייט: אין די צייט וואס דער אויבישטער גייט אריין אין שוהל און אלע צוזאמען קומען דארט דאווענען און לויבן, דאס איז דער שיינקייט פונעם קעניג, ווייל אין די צייט וואס די אידן זאגן זייערע תפילות און זייערע בקשות אין די שוהלן, דעמאלטס נעמען זיך צוזאמען אויבן אלע מחנות פון מלאכים און זיי זענען מסדר זייער לויב פאר ה', ווייל די אויבערשטע מחנות באהעפטן זיך מיט די אידן פון אונטן לויבן צוזאמען דעם אויבערשטן, כדי דער לויב זאל זיין פון אויבן און פון אונטן צוזאמען.

### די קדושה פון א שוהל איז ווי קדושת בית המקדש

אין שו"ת מהר"ק (סי' קסא) שטייט אז קדושת בית הכנסת איז אזוי ווי קדושת בית המקדש. און אין שו"ת הריב"ש (סי' תקיח) ערקלערט ער, אז בזמן שבית המקדש היה קיים האבן מיר געהאט א כפרה דורך דעם קרבן התמיד וואס מיר האבן מקריב געווען, און פון ווען דער בית המקדש איז חרוב געווארן, ווערט די שוהל גערעכנט ווי א 'מקדש מעט', כדי מיר זאלן דארט קענען דאווענען וואס דאס איז 'עבודה שבלב' און איז מכפר אויף אונז אנשטאט די קרבנות.

אין ספר 'קב הישר' (פרק נ) לערנט ער ארויס פון דעם הלכה למעשה: "אז די ווענט פון די שוהל זענען זייער הייליג, און די אור השכינה טוהט דארט שטענדיג רועהן, און וועגן דעם איז עס א גוטע מנהג צו קישן די ווענט פון די שוהלן צוליב זייער קדושה... און יעצט אין דעם גלות זענען די שוהלן די וואוינונג פאר די שכינה".

### אין שוהל איז דא 'כוונה'

א וואונדערליכער זאך שרייבט דער מאירי (ברכות ו א): "יעדער וואס קען דאווענען אין שוהל זאל אזוי טוהן, **ווייל דארט איז שכיח כוונה**".

נאכמער פון דעם ערקלערט דער צל"ח (דרוש ו לשבת תשובה) אז אויך די מחשבות זרות ווערן געהייליגט אין שוהל. ווייל דער עיקר קדושה פון א שוהל איז צוליב וואס ער איז א וואוינונג פאר די שכינה אזוי ווי די בית המקדש פארן חורבן, אזוי ווי עס שטייט אין גמרא (תענית ח א) אז עס ווערט אנגערופן 'מקדש מעט', און ווייל א תפילה ווערט אנגערופן 'עבודה' אזוי ווי א קרבן (שם ב א), דעריבער אויך אויב א מחשבה זרה שטערט אים די כוונה, קען זיין תפילה יא אנגענומען ווערן.

ווייל א מחשבה זרה ביים דאווענען איז ווי א מחשבת פיגול וואס פסל'ט דעם קרבן, אבער מיר האבן דאך א כלל: "כל שפסולו בקודש" ד.מ. אז ס'איז פסול געווארן אין די עזרה נאכן שחט'ן, "הקודש מקבלו" און עס ווערט אנגענומען, "וכל שאין פסולו בקודש אין הקודש מקבלו", וועגן דעם ווען א מענטש דאוונט אין שוהל וואס איז א הייליגע פלאץ, אויך אויב עס קומט צו אים א מחשבה זרה, ווערט עס גערעכנט ווי 'פסולו בקודש' און 'הקודש מקבלו', אבער ווען ער דאוונט נישט אין שוהל, ווערט עס גערעכנט אזוי ווי עס וואלט געווען 'אין פסולו בקודש' און דעריבער 'אין הקודש מקבלו'.

אויף דעם לייגט צו דער ווילקומירער מגיד ('עיני יצחק' על עין יעקב, ברכות אות יז): מיר דארפן וויסן, אויך די וואס דאווענען מיט א מנין קענען נישט מכוון זיין ווי עס דארף צו זיין נאר ווען זיי דאווענען אין שוהל, ווייל מיר זעהן דאך מיט אונזערע אויגן אז אין שוהל דאוונט מען געלאסן, אויך די פסוקי דזמרה ווערן נישט אפגעכאפט. און נאך וואס זיי זאגן פסוקי דזמרה ווי עס דארף צו זיין, ווערט זייער הארץ באגייסטערט מיט אהבת השם און יראת השם, און עס איז זיי גרינגער צו מכוון זיין ביים דאווענען, און צוליב דעם זענען זיי זוכה עס זאל אנגענומען ווערן. אבער די וואס דאווענען נישט אויף א פלאץ וואס איז מיוחד צום דאווענען, געווענליך איילן זיי זיך, און וועגן דעם דאווענען זיי נישט מיט כוונה.

### 'מחיל אל חיל'

מיר וועלן ענדיגן מיט נאך א חשובע מעלה וואס איז פארהאן דורך דעם וואס מ'דאוונט אין שוהל, וואס דער 'חפץ חיים' דערמאנט עס ('שמירת הלשון' ח"ב חתימת הספר):

"עס מאכט זיך אפט אז ווען ער קומט דאווענען אין שוהל לערנט ער נאכדעם אויך א פרק משניות אדער א הלכה אדער עין יעקב א.ד.ג., און די חכמים זכרונם לברכה זאגן אז דער וואס גייט ארויס פון בית הכנסת [אין זייערע צייטן פלעגט מען דאווענען אין בית הכנסת און לערנען אין בית המדרש] און ער גייט אריין אין בית המדרש איז ער זוכה מקבל זיין די פני השכינה, אנדערשט איז ווען ער דאוונט ביחידות אין זיין הויז בלייבט ער אן קיין תורה".

און מ'דארף דא אנצייכענען וואס עס שטייט אין שולחן ערוך (יו"ד רמו ב): "עס איז דא א הבטחה, אז יעדער וואס לערנט אין שוהל וועט נישט אזוי שנעל פארגעסן".

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## וויפיל איז ווערד איין 'אמן'?

די פאלגנדע ערציילונג האט דערציילט דער מגיד מישרים הרב מאיר צימראט שליט"א, האלטנדיג א רעדע איבער די מעלה פון ענטפערן אמן, האט ער אינמיטן דערציילט אויף איין אמן, א ספעציעלע או אומפארגעסענע, וואס ער האט זוכה געווען צו ענטפערן פאר אסאך יארן, און איר איינדרוק איז אריינגעקריצט אין זיין הארץ אויף אייביג. און אזוי דערציילט הרב צימראט:

פאר אסאך יארן, ווען איך האב געוואוינט אין ירושלים עיר הקודש, איז אנגעקומען צו מיינע אויערן די נישט גוטע בשורה אויף די פטירה פון מיין באבע עליה השלום. די לויה איז פארגעקומען אין בני ברק, נאך די לויה, אזוי ווי אין יענע יארן, בין איך געגאנגען צו די טעקסי-סטאנציע וואס איז געווען אקעגן די באקאנטע 'איצקאוויטש' שוהל, ווענדיג פארן קיין ירושלים.

פונקט אין דער מינוט וואס איך בין אנגעקומען צו די סטאנציע האט זיך אנגעפילט א טעקסי און איז ארויסגעפארן קיין ירושלים, אזוי בין איך געווען דער ערשטער אין די רייע צו די קומענדיגע טעקסי, און איך האב זיך געקענט אויסוועלן דאס בעסטע פלאץ, נעבן דעם דרייווער... פון ארונטער איז אייביג צוזאמגעשטיפט און הייס, און די פאדערשטע פלאץ איז ברייט און באקוועם. זייער שנעל האט זיך אנגעפילט די טעקסי מיט ארום א מנין אידן שומרי תורה ומצוות אזוי ווי איך און מ'האט זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג.

די פרייז פון די רייזע, לויט די אמאליגע ווערד, איז געווען דריי און א האלב שקל. ווען די טעקסי איז ארויסגעפארן פון בני ברק, האט פלוצלינג א יונגער בחור'ל אריינגעשטיפט זיין קאפ אין טעקסי אריין און האט געפרעגט: "עמיצער וויל קויפן א קרטיב (אייסעס)?". איך האב געכאפט א בליק אויף די וואס זענען געווען אונטער מיר; עס האט אויסגעזעהן אז אין אזא הייסע טאג וואלט זיך קיינער נישט אקעגן געשטעלט צו עסן א אייסעס, אבער מיר האבן זיך געשטארקט ווען מיר ווילן נישט אריינגיין אין די שאלה פון 'אוכל בשוק דומה ל...'.

דער איינציגסטער וואס האט יא געוואלט קויפן, איז געווען דער דרייווער. ער האט באצאלט א האלבע שקל אויף די אייסעס, ער האט עס ארויסגענומען פון די פאפיר און עס געוואלט איינשלינגען מיט איין 'ביס'... אבער בעפאר ער האט אנגעיאגט אזוי צו טוהן, האב איך אים אפגעשטעלט; "איך בעהט דיך, מיין פריינד, דער דרייווער" - האב איך זיך געוואנדן צו אים, "עס זעהט מיר אויס אז יעצט איז דאס ערשטע מאל וואס איך טרעף מיך מיט דיר, און לויט אסאך שאנסן זעהט אויס אז איך וועל דיר ווייטער נישט זעהן, בעהט איך דיר א איינמאליגע געבעהט. מער גיי איך דיר נישט בעהטן...".

"וואס ווילסטו?" - האט דער דרייווער אויפגעהויבן זיין שטימע אויף מיר מיט אומסימפאטישן ענטפער, "אויב איך וועל עס קענען טוהן - וועל איך עס טוהן".

"ביטע זאג א ברכה!" - האב איך געבעהטן.

"דאס וועל איך נישט טוהן!" - האט דער דרייווער באלד געענטפערט, און האט באלד אריינגעביסן א גרויסע שטיקל אין די אייסעס וואס ער האט געהאלטן אין זיין האנט.

"פארוואס?" - האב איך נישט נאכגעלאזט, "פארוואס שטעלסטו דיך אקעגן אזוי שארף?" - האב איך געפרעגט.

"דארפסט פארשטיין, מיין גוטער פריינד, אפשר ביזסטו דא דאס ערשטע מאל, אבער די ליין פון בני ברק - ירושלים איז א פראבלעמאטישע ליין פון מיין זייט. יעדע מאל זיצט נעבן מיר א אנדערער רב וואס נעמט מיך פאר זיין פריוואטע 'פראיעקט'; דער זאגט מיר איך זאל מאכן א ברכה, דער זאגט מיר לייגן תפילין און דער זאגט מיר האלטן שבת... מארגן וועט עמיצער מיר זאגן גיין לערנען אין א ישיבה פון בעלי תשובה. לאז מיר אפ... לאז מיר לעבן!".

די אייסעס וואס ער האט געהאלטן אין האנט האט אנגעהויבן אויפגעלאזט צו ווערן, אבער איך האט נישט אויפגעגעבן; איך האב ארויסגענומען א מטבע פון א האלבע שקל פון טאש, איך האב עס געגעבן פארן דרייווער און אים געזאגט: "איך בין גרייט צו באצאלן אויף די אייסעס. די אייסעס וועט ווערן מיינס און איך וועל דיר עס געבן אויף א מתנה... נאר זאג א ברכה!". דער דרייווער האט זיך אויפגערעגט. ער האט זיך געגעבן א דריי צו די זייט פון די ראד, ער האט אפגעשטעלט די טעקסי און האט אנגעהויבן שרייען: "אנטשולדיגט! איך האב זיך קיינמאל נישט אריינגעמישט אין דיין לעבן, מיש דו זיך אויך נישט אריין אין דיין לעבן!".

"חס ושלום איך זאל זיך אריינמישן אין דיין לעבן", האב איך געענטפערט אן צו ווערן דערשראקן, "איך זארג נאר פאר מיר; אויב דו וועסט זאגן א ברכה, וועל איך קענען ענטפערן אויף דעם 'אמן', און די חכמים האבן געזאגט אז: 'גדול העונה אמן יותר מהמברך'".

דער צארן פונעם דרייווער האט זיך געשטארקט. ער האט מיר צוריק געווארפן די האלבע שקל וואס איך האב אים אריינגעשטיפט, און מיט זיין שטימע האט ער געדונערט אויף מיר: "וואס מיינסטו, אז מיט א האלבע שקל וועסטו מיך קענען אפקויפן??".

"וויפיל וואלסטו געוואלט איך זאל דיר באצאלן אז דו זאלסט זאגן א ברכה?" - האב איך אים געפרעגט. עס זעהט אויס אז די תמימות'דיגע טאן וואס די ווערטער זענען געזאגט געווארן האט געווירקט אויפן דרייווער. ער האט געטראכט אביסל, און דעמאלטס האט ער געזאגט, ווען ער קוקט אויף די איין זיץ וואס איז געבליבן ליידיג אין די טעקסי: "אויב דו וועסט מיר געבן דריי און א האלב שקלים, אזוי ווי די פרייז פון די איין ליידיגע פלאץ אין די טעקסי, וועל איך קענען באשטיין צו זאגן א ברכה".

די געוואגטע געבעהט האט מיך אביסל צומישט, עס רעדט זיך פון א באדיינטע סומע, לויט די באגריפן פון יענע יארן, ווען איך ווייס אז אן קיין געלט קען איך אויך ענטפערן טויזנטער אמן'ס אין א קורצע צייט, אין 'איצקאוויטש' אדער אין 'זכרון משה'...

אין די צייט וואס איך האב זיך געקווענקלט האט דער דרייווער נאכאמאל אריינגעביסן אין די אייסעס. צו מיין מזל די דריי רייזנדע וואס זענען געזיצן אונטער מיר און זענען אנגעווארעמט געווארן פון די קליינע 'דראמע' וואס האט זיך אפגעשפילט פאר זיי, האבן מיר ארויס געהאלפן; יעדער איינער פון זיי האט געגעבן איין שקל, און ביז א סקונדע האט דער דרייווער געהאט אין זיין האנט דריי און א האלב שקלים... ער האט געשמייכלט מיט א צופרידנהייט, ער האט א כאפ געטוהן די הוט פון מיין קאפ און האט געזאגט די ברכה כזקן וכרגיל: "ברוך אתה... שהכל נהיה בדברו".

וואס עס האט נאכדעם פאסירט איז שווער צו שילדערן מיט ווערטער, די טעקסי האט ממש אויפגעטרייסלט... מיר אלע האבן געענטפערט 'אמן', הויעך און מיט כוונה, כאילו מיר וואלטן קיינמאל בעפאר געענטפערט אמן, אויך נישט ביי נעילה פון יום כיפור.

**"א מ ן !!!"**.

איך האב געקוקט אויף די אויגן פונעם דרייווער; די ווילדקייט האט זיך שוין נישט אנגעזעהן, אנשטאט דעם האב איך באמערקט א קליינע טרער... ער האט צוריק אנגעצינדן די טעקסי, און בעפאר ער האט זיך ארויסגעלאזט ווייטער אויפן וועג האט ער געזאגט מיט אראפגעלאזטע אויגן:

"ענק פרומע... איך ווייס נישט פון ווי האבן ענק גענומען די קוראזש - צאלן דריי און א האלב שקלים פאר איין אמן... איך וועל עס קיינמאל נישט פארשטיין. אבער אז איך האב שוין געזאגט די ברכה, וועל איך עס נישט פארקויפן פאר קיין געלט.

נעמט צוריק ענקער געלט, און יעצט, בעהט איך ענק, רעדט נישט מיט מיר א ווארט ביז ענדע רייזע, ענק ווען מיך נאך מחזיר בתשובה זיין...".

מיר האבן אנגענומען זיינע ווערטער. עס האט געהערשט א שטילקייט אין די טעקסי צום וויניגסטנ'ס ביז איך בין אראפ ביים אריינגאנג צו ירושלים, דארט האב איך זיך געזעגנט פונעם דרייווער מיט א דאנק און איך האב פארגעזעצט מיין וועג. איך האב געמיינט אז די געשיכטע האט זיך מיט דעם געענדיגט. אבער ניין...

עטליכע יאר נאכדעם בין איך איינגעלאדנט געווארן האלטן א רעדע אין א ישיבה פאר די וואס הייבן אן זייערע טריט אין די תורה'דיגע וועלט. אינמיטן מיינע ווערטער וואס זענען געווען אויף די חשיבות און די טייערקייט פון די מצוות האב איך דערציילט די אויבנדערמאנטע געשיכטע, און פלוצלינג איז אויפגעשטאנען איינער פון די בחורים און האט געבעהטן רשות צו רעדן.

"די ערציילונג האב איך שוין געהערט נישט איינמאל", האט דער בחור געזאגט, "איך בין דער זון פונעם טעקסי-דרייווער".

איך בין זייער איבערגענומען געווארן הערנדיג די ווערטער, און דער בחור האט פארגעזעצט: "דער הויכגעשעצטער רב זאל וויסן אז פון ווען איך בין אביסל דערנענטערט געווארן צו די תורה'דיגע וועג, יעדע מאל ווען איך קום באזוכן מיין טאטע, פארגעסט ער נישט מיך צו בעהטן זאגן הויעך א ברכה כדי ער זאל קענען ענטפערן אמן, מיט כוונה רבה, און הויעך - אזוי ווי נאר ער קען...".

'דורש טוב' חנוכה עמ' 527

עיצובים shay